# דרײַ לידער

*קאַטערינאַ קוזנעצאָוואַ*

**די גאָלדענע פּאַווע נאָך אַ מאָל**

איך האָב נעכטן געגלעט די גאָלדענע פּאַווע,
און זי איז געווען אַזוי שלאַנק, מלא־חן,
זי וואָלט אויסגעמעקט אַלע מײַנע קאָשמאַרן,
געגעבן דער וועלט וואָס איז ריכטיק און שיין.

און ווייך איז געווען איר פּרעכטיקער פֿעדער,
דער פֿליסיקער שײַן פֿון שמאַראַגדן און גאָלד.
כ'גלויב זי'ז געקומען פֿון הימלישע סעדער,
זי האַלטן אויף אייביק איך האָב שוין געוואָלט.

נאָר די גאָלדענע פּאַווע פֿאַרטאָגס ז'אָפּגעפֿלויגן .
אַ פֿעדער אין האַנט בלויז, איך בין אַזאַ נאַר!
די גאָלדענע פּאַווע, סאַפּירענע אויגן –
ז'געבליבן זי מײַן סאַמע זיסטער קאָשמאַר.

Aantekeningen

1. גלעטן – aaien, strelen.
2. מלא־חן – charmant.
3. קאָסמאַר – nachtmerrie.
7. סעדער – *meervoud van* סאָד, boomgaard.
9. פֿאַרטאָגס – voor dag en dauw.
12. סאַמע זיסטער – allerzoetste.

**פֿרילינג**

דער פֿרילינג קומט,
דו הערסט זײַן לינדן טראָט.
ער שעפּטשעט:
לויף אַוועק פֿון שטאָט
לויף הפֿקר ערגעצוווּ
דען שטעל זיך אָפּ
און גיב זיך דעם אָפּרו
און קוק
ווי שוואַרץ און ברוין און גראָ
רײַסט אויף
מיט לילאַ, גרין, און בלאָ.
אָט איז די פּלא, זעסטו?
פֿון גאָרנישט ווערט אַ גראָז, אַ בלאַט, אַ בלום,
און חשוך פּלוצעם בליט
און אײַנזאַמקייט ווערט ליבע
און פֿרייד קומט פֿון אַ טריבע
און שטומקייט ווערט אַ ליד.

Aantekeningen
3. שעפּטשען – fluisteren
5. הפֿקר – vogelvrij
7. אָפּרו – het uitrusten
12. פּלא – wonder
14. חשוך – donker

**אַגרעסן־ווײַן**

אַגרעסן־ווײַן איז גאָלד
ווי טראָפּנס האָניק
אין דער היים פֿון בינען,
ווי זומער־אָוונט,
לעצטער שטראַל פֿון שקיעה,
ווי טונקל־געלע רויז
וואָס האָט גענומען בליִען,
ווי זון־געלאַשטשעט זאַמד
וואָס קושט דעם צאַרטן ים,
ווי לינדער טאַנץ פֿון פֿלאַם.
דער ווײַן איז גאָלד ביז גאָר,
ווי מײַנע טעכטערס האָר.

16/07/2023

Aantekeningen
1. אַגרעס – kruisbes
5. שקיעה – zonsondergang
7. נעמען + *inf.* – beginnen te
8. לאַשטשען – omarmen
11. ביז גאָר – geheel en al

# אַ מעשׂה לכּבֿוד פּורים

## י. י. זינגער

צוגעגרייט פֿון דניאלה זײַדמאַן-מאַוּער
(*De woordenlijst bij dit stuk begint op p. 9 van dit PDF-bestand.*)

### אַ רוח המנען אין זײַן טאַטנס טאַטן אַרײַן ביז עמלקן!

די דאָזיקע מעשׂה* לכּבֿוד פּורים איז דערציילט אין י.י. זינגערס (ישׂראל יהושע זינגער, 1893 – 1944) אויטאָביִאָגראַפֿישעס בוך **פֿון אַ וועלט וואָס איז נישטאָ מער**. דאָס בוך איז אַרויס אין יאָר 1946, צוויי יאָר נאָכן פּלוצלינגער און פֿריצײַטיקער טויט פֿון גרויסן פּראָזע-מײַסטער, י.י. זינגער. דאָס ווערק האָט זיך צוערשט געדרוקט אין **פֿאָרווערטס** נאָך י.י. זינגערס טויט, אונטערן נאָמען **אמתע פֿאַסירונגען**, אָבער י.י. זינגער אַליין האָט זײַן ווערק דעם נאָמען געגעבן **פֿון אַ וועלט וואָס איז נישטאָ מער**. לויט י.י. זינגערס פּלאַן, האָט דאָס ווערק געלאָזט אונדז געבן אַ ברייט קינסטלעריש בילד פֿון זײַן לעבן, און איבערהויפּט פֿונעם לעבן פֿון זײַן סבֿיבֿה*, פֿון די קינדער-יאָרן ביז זײַן קומען קיין אַמעריקע. עס האָט געזאָלט זײַן אַ ווערק פֿון דרײַ בענד, אַרום פֿופֿצן הונדערט זײַטן.

אין זײַן רײַכער ליטעראַרישער ירושה*, האָט י.י. זינגער אונדז אָבער איבערגעלאָזט אַ לוסטיגער פּורים-מעשׂה, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין זײַן שטוב ווען ער איז געווען אַ קינד.

שיעלע, אַזוי הייסט אונדזער יונגער י.י. זינגער אינעם בוך, דערציילט וועגן אַ מלמד*, ר' מיכל דוד, אַ פֿריילעך ייִדל, וואָס האָט, נעבעך, גאָרנישט פֿריילעך פֿאַרענדיקט דעם זמן*.

דער ייִדישער שרײַבער אהרן צייטלין האָט געשריבן וועגן י.י. זינגער, אַז ער איז געווען אַ גײַסטיקער רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט נישט אָנגענומען – נישט געוואָלט און נישט געקאָנט אָננעמען – דער סדר* פֿון דער וועלט. איך מיין אַז אין אָט די קליינע מעשׂה קען מען דאָס שוין גוט דערפֿילן.

---------------------

**ר' מיכל דוד** איז געווען אַ קליין, לעבעדיק פֿאַרשוינדל, מיט אַ שיטער, בלאָנד בערדל, אַ ייִדל אַ שטיק קוועק-זילבער. ביַים לערנען האָט ער ליב געהאַט צו שניצן מיט אַ מעסערל. ער האָט אויסגעשניצט טאַבאַק-שטעקעלעך פֿון קאָרע*, וואָס ער האָט אַוועקגעשאָנקען מתּנות* צו אַלטע ייִדן, גרויסע טאַבאַק-שמעקער; אָדער ער האָט אויסגעשניצט פֿון האָלץ אַן אתרוג*-פּושקע. ער האָט אויך פֿאַר אונדז אויסגעאַרבעט פֿאַרביקע לאַמטערנדלעך, מיט וועלכע מיר פֿלעגן אַהיימגיין אין די ווינטער-נעכט פֿון חדר*. געלערנט האָט ער מיר אַ פֿרייליכן ניגון*, אָפּטמאָל צוקנאַקנדיק מיט די פֿינגער פֿאַר שׂמחה*.

די באַלעבאָסטעס, ביַי וועלכע ער האָט געגעסן טעג, האָבן אָנגעקוואָלן פֿון אים, ווײַל אַלץ האָט ער ליב געהאַט, פֿון יעדן מאכל* הנאה* געהאַט. די חסידים* האָבן געלעקט די פֿינגער פֿון אים, ווײַל ער האָט געקענט דערציילן די ווונדערלעכסטע מעשׂיות פֿון צדיקים* און גוטע-ייִדן. אויך פֿאַר אונדז, ייִנגלעך, פֿלעגט ער דערציילן אַ וועלט מיט מעשׂיות, די פֿאַנטאַסטישסטע מעשׂיות פֿון צדיקים און בעל-שמס*, וואָס האָבן געהאַט קפיצת-הדרך*, געווען רואה-ואינו-נראהס* און באַוויזן נאָך אַזעלכע קונצן.

אויף חסידישע סעודהלעך* און ימים-טובים האָט ר' מיכל דוד געקערט וועלטן. ער האָט געזונגען מיט אַ הויך קוויטשיק קולכל, געקאָנט מאַכן אַ סך "לחיימס", ווי פֿאַר אַ חסיד פּאַסט, און ער האָט געטאַנצט גאָרנישט מיד צו ווערן. דער עיקר* האָט ער ליב געהאַט צו טאַנצן אויפֿן טיש...

פֿאַר פּורים האָט ר' מיכל דוד אינגאַנצן אָפּגעלאָזט די גמרא* און געגרייט זיך צום פֿריילעכן יום-טוב. ערשטנס, האָט ער אויף דער מזרח-וואַנט* פֿון בית-המדרש* אָנגעצייכנט מיט אַ חלבן* ליכט גרויסע אותיות און געמעלעכסטן. דער מלמד האָט איַינגעטונקען אַ שמאַטע אין אַש פֿון בית-המדרש אויוון און דערמיט איבערגעגאַנגען איבער דעם חלב, און גליַיך זיַינען די אותיות און צייכענונגען געוואָרן שוואַרץ און אָנזעוודיק. מיר האָבן דערזען אַ

גרויסע אויפֿשריפֿט: "משנכנס אדר מרבין בשמחה", וואָס מיינט, אַז ווי נאָר עס הייבט זיך אָן דער חודש אדר, דאַרף מען אָנהייבן זיך משמח צו זײַן*. אונטער דעם שיינעם אויפֿשריפֿט פֿון געכתיבהטע אותיות איז געווען אויסגעמאָלט אַ פֿלעשל בראָנפֿן און צוויי הענט גיבן זיך לחיים. אין חדר האָט ער מיט אונדז געלערנט די מגילה*, שניצנדיק דערבײַ די שענסטע גראַגערס פֿאַר אַלע תלמידים.

אין ביידע טעג פֿון פּורים און שושן-פּורים האָט ר' מיכל דוד ממש איבערגעקערט דאָס שטעטעלע. ווען מען האָט געלייענט אין בית-המדרש די מגילה, האָט ער צונויפֿגענומען אַלע ייִנגלעך, נישט נאָר די תלמידים זײַנע, נאָר אפֿילו* פֿרעמדע, און קאָמאַנדעוועט מיט אונדז בײַם גראַגערן יעדעס מאָל, ווען מען האָט דערמאָנט המנען. ער אַליין האָט געמאַכט פֿאַר זיך אַליין דעם גרעסטן גראַגער. ער האָט אויך געטופּעט מיט די פֿיס, און נישט נאָר בײַ המנס נאָמען, נאָר אויך ווען מען האָט דערמאָנט המנס ווײַב זרש און זייערע צען זין. דאָס וואָס אַ ייִד מיט אַ באָרד גראַגערט אין בית-המדרש האָט אַרויסגערופֿן גרויס שׂמחה בײַ אונדז ייִנגלעך. מיר האָבן שיר נישט דאָס בית-המדרש צעלייגט. מײַן פֿאָטער איז אַפֿילו געווען אומצופֿרידן, ווײַל מיר האָבן געשטערט דעם בעל-קורא אין לייענען די מגילה, אָבער ער האָט זיך נישט געבייזערט. מען האָט אויף דעם פֿריילעכן מיכל דוד נישט געקאָנט בייזערן. חוץ דעם, איז עס דאָך געווען פּורים, ווען מען דאַרף משמח זײַן.

נאָך דער מגילה האָט מיכל דוד גענומען גיין איבער די הייזער, פֿון איין באַלעבאַטישער שטוב צו דער אַנדערער, און מאַכן "לחיימס". אין שושן-פּורים האָט ער צונויפֿגענומען די חסידים און געמאַכט הוליאַנקעס. די חסידים האָט מען אַזעלכע זאַכן נישט געדאַרפֿט בעטן. זיי זײַנען אַלע מאָל גרייט געווען צו אַ סעודהלע, צו אַ שׂמחה. זיי האָבן געקויפֿט אַ פֿאַס ביר און געטרונקען אויף וואָס די וועלט שטייט. זיי זײַנען געגאַנגען פֿון הויז צו הויז, ווו זיי האָבן געגעסן און געטרונקען און געטאַנצט. די ייִנגלעך זײַנען נאָכגעלאָפֿן. די פּראָסטע לײַט, די מתנגדים*, האָבן געקוקט קרום אויף די חסידישע הוליאַנקעס, אָבער די חסידים

אַרײַן אין שטוב צוריק איז ער שוין נישט אויף די אייגענע פֿיס. מען האָט אים געטראָגן. זײַנע לעבעדיקע אויגן זײַנען געווען געשלאָסן. פֿון איין אויג האָט גערונען בלוט. אַ צעקנאָדערטן, ווי אַ בינטל טויטע אבֿרים*, האָט מען אים געטראָגן אין זײַן טישטעך מיט די פֿלעדערווישן מיטן אויסגעמעלטן פּנים. מען האָט גלײַך אַרײַנגערופֿן דעם גויִשן פֿעלדשער פּאַוואָלסקי, וואָס האָט געוווינט אין שכנות*.

- איך קאָן גאָרנישט טאָן, דאָס אויג רינט אים אויס - האָט ער געזאָגט.

אַלע ייִדן אַרום, אויסגעניכטערטע אין איין רגע*, זײַנען געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ. מײַן פֿאָטער האָט זיך געבעטן בײַם אויסגעצויגענעם מלמד:

- ר' מיכל דוד, איר זעט מיך, ר' מיכל דוד? ... ענטפֿערט, ר' מיכל דוד....

ר' מיכל דוד האָט נישט געענטפֿערט. זײַן פּנים, אויסגעשמירט אין מעל, האָט אויסגעזען ווי אַ מת. די פּראָסטע ייִדן, וואָס זײַנען אָנגעלאָפֿן, האָבן געמורמלט די חסידים:

- חסידקעס, שיכּורים זענט איר, נישט קיין ייִדן - האָבן זיי געמורמלט - אַזאַ אומגליק...

מײַן פֿאָטער איז געווען חושך*. מײַן מוטער האָט געוויינט. אין מיטן וויינען האָט זי זיך דערמאָנט אַז מען דאַרף צינדן ליכט, ווײַל שושן-פּורים איז דעמאָלט אויסגעפֿאַלן אין פֿרײַטיק.

איך האָב געקוקט אויף דעם מלמד מײַנעם, וואָס איז געלעגן אויסגעצויגן אויף דער גרינער קאָלדרע, געלעגן אַ שוויַגנדיקער, מיט אַן אויסגעמעלט פּנים, איבער וועלכן אַ דין שנירעלע בלוט האָט זיך געשלענגלט, און איך האָב געהאַט תּרעומות* צו גאָט, וואָס האָט געקאָנט אָפּטאָן אַזאַ אומגערעכטיקײַט, און אין אַ יום-טוב דערצו. דאָס איז געווען שוואַרץ-שבת.

האָבן זיי געהערט ווי המן דעם גראַגער און זיי אויך צו-להכעיס* נאָך העכער געזונגען און געטאַנצט. מיכל דוד האָט געטאַנצט אויף דער גאַס. ער איז גאָרנישט מיד געוואָרן פֿון טרינקען און האָפּסען און זינגען און פֿרייען זיך. צום-לעצט זיינען די חסידים אַרײַנגעקומען צו מײַן פֿאָטער אין שטוב.

-רביצין, פּורים מעג מען טאַנצן אויפֿן טישטעך. עס זאָל אַ רוח המנען אין זײַן טאַטנס טאַטן אַרײַן ביז עמלקן! - האָט מיכל דוד געשריגן און געטופּעט מיט די פֿיס.

דערנאָך איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פֿון טיש, אײַנגעהילט זיך אין טיש-טעך ווי אין אַ טלית* און זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ מלאך*.

- רביצין, איך בין דער מלאך מיכאל - האָט ער געשריגן – גיט מיר צוויי פֿלעדערווישן*, וועל איך מאַכן פֿליגל.

מײַן מוטער, אַ מתנגדישע טאָכטער, האָט דעם צעקאָכטן חסיד קיין פֿלעדערווישן נישט געוואָלט געבן. אָבער ער איז נישט געווען פֿויל און אַליין אַרײַן אין קיך. ער האָט אויסגעזוכט צוויי גענדזענע פֿליגל, וועלכע ער האָט מיט שטריקלעך צוגעבונדן צום טישטעך, אַזוי אַז ער זאָל אויסזען ווי אַן אמתער מלאך. דערנאָך האָט ער גענומען אַ הויפֿן מעל און זיך אויסגעמעלט דאָס פּנים*. פֿאַרוואָס אַ מלאך דאַרף האָבן אַן אויסגעמעלט פּנים ווייס איך נישט, אָבער אַזוי האָט ר' מיכל דוד געטאָן. אין אָט דעם הילוך* איז ער אַרײַן אין מײַן פֿאָטערס שטוב און גענומען טאַנצן אַ מלאכים-טאַנץ. דער ייִד האָט געשוועבט ווי אַ רוח. ייִדן האָבן צוגעפּאַטשט מיט די הענט און גערופֿן פֿריילעך:

- לעבעדיק, מלאך מיכאל!

מיטאַמאָל, האָט דער מלאך מיכאל צעשפּרייט זײַנע הענט ווי פֿליגל און אַ פֿלי געטאָן גלײַך דורכן פֿענצטער אין דרויסן אַרויס.

# אַ רוח המנען אין זײַן טאַטנס טאַטן אַרײַן ביז עמלקן!

## Woordenschat

| | |
|---|---|
| Verhaal | די מעשׂה (-יות) |
| Omgeving | די סבֿיבֿה (-ות) |
| Erfenis | די ירושה (-ות) |
| Leraar | דער מלמד (-ים) |
| Tijd | דער זמן (-ים) |
| Bast | די קאָרע (-ס) |
| Geschenk | די מתּנה (-ות) |
| Speciale citrusvrucht bij Soekot | דער אתרוג (-ים) |
| Joodse traditionele religieuze school/klas | דער חדר (-ים) |
| Melodie | דער ניגון (-ים) |
| Plezier; Feest | די שׂמחה (-ות) |
| Eten | דער/דאָס מאכל (-ים) |
| Plezier hebben | הנאה האָבן |
| Zeer vrome Jood; volgeling van het chassidisme, een joodse devotionele beweging opgericht in de 18e eeuw in Oost-Europa, en verdeeld in verschillende groepen die bepaalde rabbijnen/meesters volgden; aanhanger, volger, bewonderaar | דער חסיד (-ים) |
| Wijze; rechtvaardige | דער צדיק (-ים) |
| Maker van amuletten gegraveerd met de naam van God; wonderwerker | דער בעל־שם (בעלי-שם/בעלי שמות) |
| Bovennatuurlijke mogelijkheid om zichzelf onmiddellijk naar een verre plaats te verplaatsen | דער קפֿיצת־הדרך |

| | |
|---|---|
| Wie ziet en onzichtbaar is | רואה־ואינו־נראה |
| Feestmaal | די סעודה (-ות) |
| Bovenal | דער עיקר |
| Deel van de Talmoed | די גמרא (-ות) |
| Oostelijke muur, waarheen men bidt | די מזרח־וואַנט |
| Joods leerhuis | דער בית־מדרש (בתּי-מדרשים) |
| Talg | דאָס חלבֿ |
| Feesten, vrolijk maken | משמח זײַן |
| Rol; hier Boek van Ester | די מגילה (-ות) |
| Ratel | דער גראַגער (-ס) |
| Zelfs | אַפֿילו |
| Tegenstander; in het bijzonder: orthodoxe jood die zich verzette tegen het chassidisme | דער מתנגד (-ים) |
| Met de bedoeling te bespotten | להכעיס |
| Gebedsmantel | דער טלית (-ים) |
| Engel | דער מלאך (-ים) |
| Plumeau | דער פֿלעדערוויש (ן) |
| Gezicht | דאָס פּנים (פּנימער) |
| Gang; Houding | דער הילוך (-ן) |
| Ledemaat | דער אבֿר (-ים) |
| Buurt | דאָס שכנות |
| Moment | די רגע (-ס) |
| Dode | דער מת (-ים) |
| Dronkelap | דער שיכּור (-ים) |
| Duister | דער/דאָס חושך |
| Klachten | האָבן תּרעומות |
| Orde | דער סדר (-ים) |